בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ״ז**

419

**לשליחת מכתבים ושאלות**
**אל הראש ישיבה שליט"א**

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


קֶען דִי מַאמֶע אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן דִי קִינְדֶער?......................................א
וִוי אַזוֹי הֶעלְפְט מֶען דָאס קִינְד מַצְלִיחַ זַיין?............................ב
זָאלְן פְרוֹיעֶן גֵיין אָנְגֶעטוּן אִינְגַאנְצְן שְׁוַוארְץ?..........................ה
קֶען אִיךְ נָאךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?........................................ז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


הֵיילִיגְקֵייט פוּן מִקְוֶה.........................................................א
יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן .............................................ג
אַ גוּטֶע קַבָּלָה צוּם גֶעבּוּרְטְסְטָאג?..........................................ה
גֵיי וָואס מֶער צוּם רִיבְנִיצֶער רֶבִּי'ס צִיוּן..................................ה
וַוייטֶער מַאכְן צַאמְקוּמֶען פַאר פְרוֹיעֶן....................................ו
פַּאדְקֶעסְטְס פוּן מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים........................................ו
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה ..............................ז
גְרוֹיסֶע נַייעֶס, עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט ..............ח
דִי בַּאבֶּע פָּארְקָאשׁ עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם............................................ט
אַרוֹיסְפָארְן פַארְטֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן .....................י
הֶעלְפְן מַיין בְּרוּדֶער? ..........................................................יא
גֵיין צוּ אַ קוּרְס פַאר שָׁלוֹם בַּיִת?............................................יא

בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם צַדִּיק ............ יב

נִישְׁט זִיךְ פַּארְטִיפְן אִין לֶערְנֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ ............ יג

שְׁלָאג נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ דִי קִינְדֶער ............ יג

נֶעמֶען יֶעדְן טָאג דִי מֶעדְעצִין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ............ יד

פַּארְוָואס גֵייט מֶען הֲפָּצָה? ............ טו

אַז מֶען וַוארְט אוֹיס, וֶוערְט דָאס לֶערְנֶען זִיס ............ יז

עֶס וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן ............ יח

זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, הִיט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס ............ יט

אָפְּרֵייבִּיגְן דִי קְהִלָּה פוּן שְׁלֶעכְטְס ............ יט

תּוֹרָה שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער ............ כא

מִיט הֲפָּצָה וֶועסְטוּ אַלֶעס פַּארְדֶערְכְטְן ............ כב

מַאךְ אַ סִיוּם מַסֶּכֶת זְבָחִים פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה ............ כד

אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת, אוֹיף אִידִישׁ אָדֶער עֶנְגְלִישׁ ............ כה

אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, דֶערְלֵייגְט מֶען דִי לֶעבְּן ............ כו

אַ שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט ............ כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קֶען דִי מַאמֶע אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן בֶּענְטְשְׁט דִי קִינְדֶער יֶעדֶע וָואךְ פַּאר קִידוּשׁ מִיט דִי בְּרָכָה פוּן "יְשִׂמְךָ אֱלֹקִים כְּאֶפְרַיִם וְכִמְנַשֶּׁה" אוּן "יְבָרֶכְךָ הַשֵּׁם וְיִשְׁמְרֶךָ" וְגוֹ', אוּן דִי קִינְדֶער קוּמֶען צוּ מִיר צוּ גֶעבְּן אַ קוּשׁ אוּן זָאגְן גוּט שַׁבָּת, אוּן אִיךְ טוּ זֵיי צוּרִיק דִי זֶעלְבֶּע, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ גֶעב אִיךְ זֵיי אוֹיךְ אַ וַוארֶעמֶע בְּרָכָה מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער; לְמַעֲשֶׂה שְׁמֶעקְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי בְּרָכָה פוּן דִי פְּסוּקִים, אוּן אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ גֶעהַאט חֵשֶׁק זֵיי צוּ בֶּענְטְשְׁן מִיט דֶעם, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיב אִיךְ מֶעג אוֹיךְ זָאגְן דִי פְּסוּקִים פַּאר זֵיי, מִיטְן אַרוֹיסְזָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ בֶּענְטְשְׁן דִי קִינְדֶער פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, אִין דִי עֶמְדִין סִידוּר שְׁרַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער יַעְבֵּ״ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (הַנְהָגַת לֵיל שַׁבָּת, אוֹת ז): ״מִנְהָגָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל לְבָרֵךְ הַיְלָדִים בְּלֵיל שַׁבָּת, אֶחָד הָאָבוֹת וְאֶחָד הָרַבָּנִים אַחַר הַתְּפִלָּה, אוֹ בִּכְנִיסָה לַבַּיִת, שֶׁאָז חָל הַשֶּׁפַע״, עֶס אִיז דֶער מִנְהָג יִשְׂרָאֵל

פַאר עֶלְטֶערְן און פַאר רַבָּנִים צוּ בֶּענְטְשְׁן דִי קִינְדֶער פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִין שׁוּל, אָדֶער וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּל, וַוייל פְרַייטָאג צוּ נַאכְט אִיז נִישְׁטָא קֵיין מְקַטְרְגִים, נִישְׁטָא קֵיין שְׁלֶעכְטְס, אִיז דֶעמָאלְט דִי צַייט צוּ בְּרֶענְגֶען שֶׁפַע פַאר דִי קִינְדֶער.

עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי פָּסוּק: "יְשִׂמְךָ אֱלֹקִים כְּאֶפְרַיִם וְכִמְנַשֶּׁה", און וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט דִי טֶעכְטֶער זָאגְט מֶען: "יְשִׂימֵךְ אֱלֹקִים כְּשָׂרָה רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה".

אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי עַרְבִית לֵיל שַׁבָּת, דְּרוּשׁ ב), אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאגְרִיסְן דִי מַאמֶע מִיט אַ "גוּט שַׁבָּת" און גֶעבְּן אַ קִישׁ דִי מַאמֶע'ס הַאנְט; און אַז דִי מַאמֶע וִויל אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן קֶען זִי אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן דִי קִינְדֶער, און זִי קֶען זָאגְן דִי פְּסוּקִים פוּן "יְבָרֶכְךָ", אוֹיךְ קֶען מֶען צוּלֵייגְן אֵייגֶעגֶע בְּרָכוֹת.

דֶער עִיקָר וָואס אַ מַאמֶע דַארְף וִויסְן אִיז, אַז זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דֶער מַאן זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה רִיעֶן אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דִי שְׁכִינָה רוּט דָארְט וואוּ עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ, און אַז דִי שְׁכִינָה אִיז אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ, און מֶען זֶעט נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט און מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיר זָאלְן טוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי הֶעלְפְט מֶען דָאס קִינְד מַצְלִיחַ זַיין?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ, אִיךְ לֶערְן זִיךְ אַסַאךְ פוּן דִי שִׁיעוּרִים, און אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דֶערְפוּן.

מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן מִיט עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִין חִינוּךְ.

א. אוּנְזֶער פִינְף יֶערִיגֶע טָאכְטֶער אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קֵיין צוּפְרִידֶענֶע, זִי אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס זִי הָאט, אוּן אַלְץ הָאט זִי טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אַז יֶענֶער בַּאקוּמְט מֶער, אַלְץ מוּז מֶען אִיר צוּגֶעבְּן נָאךְ אַבִּיסְל פוּן וָואס מֶען טֵיילְט; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס זִי הָאט?

ב. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַ גוּטֶע קֶשֶׁר מִיט דִי טָאכְטֶער, זִי הָאט אֲפִילוּ גֶעזָאגְט אַמָאל פַאר מַיין מַאן אַז מַאמִי פַארְשְׁטֵייט אִיר נִישְׁט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מַאכְט מִיר אַסַאךְ שׁוּלְד גֶעפִילְן, אוּן דָאס מַאכְט אַז אִיךְ זָאל אִיר לָאזְן טוּן אַסַאךְ זַאכְן מֶער וִוי אַנְדֶערֶע.

ג. אוֹיךְ זָאגְט זִי אַסַאךְ לִיגְנְט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אַז עֶס וֶועט פַארְרָאכְטְן וֶוערְן דִי צְוֵוייטֶע פְּרָאבְּלֶעם - וֶועט דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹיךְ פַארְרָאכְטְן וֶוערְן; קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע, דָאס זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, דָאס נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן - דָאס מַאכְט דִי קִינְד זָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן אוּן נִישְׁט זַיין רוּאִיג מִיט זִיךְ.

קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן מִיט מִידוֹת וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן זֵיי הֶעלְפְן דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע זַאכְן וָואס דַארְף וֶוערְן פַארְרָאכְטְן אוּן וֶוען מֶען אִיז יוּנְג אִיז עֶס גְרִינְגֶער אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִידוֹת.

אַז דָאס קִינְד הָאט טַעֲנוֹת פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער וְכוּ׳, זָאגְט מֶען פַארְן קִינְד: ״עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט

פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן דוּרכְדֶעם וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט יָא אָדֶער נִישְׁט", מֶען רֶעדְט צוּם קִינְד פוּן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס, פוּן דַאנְקֶען אוֹיף וָואס מֶען הָאט יָא.

אוֹיךְ דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף בֶּעטְן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זִין און פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל, וּמִשְׁתַּטֵּחַ, וּמִתְחַנֵּן, וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים, וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם, לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, און אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל מֶען קֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", דֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ; קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע, אַ פְרֵיילִיכֶע מַצָב; זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג:

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט**

קֵיין גוֹי. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אַרוּם מִיר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט מִיט הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קֵיין אֵיין רֶגַע. אִיךְ זָאל נִישְׁט קֵיינֶעם חַנְפְ׳עֶנֶען אוּן נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא הָאבְּן; בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, אָמֵן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאלְן פְרוֹיעֶן גֵיין אָנְגֶעטוּן אִינְגַאנְצְן שְׁוַוארְץ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶעס וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, אִין אַלֶע תְּחוּמִים פוּן לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלְץ גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג, נָאר מִיט שְׁווַארְצֶע שֶׁעסְלֶעךְ, שְׁוַוארְצֶע שְׁטְרוּמְפּ, אוּן שְׁוַוארְצֶע שִׁיךְ; לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר אִין צְנִיעוּת, ווִי וַוייט הַארְבּ עֶס אִיז צוּ מַכְשִׁיל זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן ווִי וַוייט אַ פְרוֹי דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן אַז אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ גֵיין נָאךְ אַ טְרִיט וַוייטֶער, אַז אוֹיךְ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע טֵייל פוּן קֶערְפֶּער זָאל זַיין אָנְגֶעטוּן נָאר אִין שְׁוַוארְץ.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע זַאךְ, נִישְׁט אָנְצוּטוּן קֵיין שׁוּם קְלֵיידוּנְג וָואס הָאט קָאלִירְן, נָאר אִינְגַאנְצְן שְׁווַארְץ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ'**

וואוּיל אִיז אַייךְ און וואוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר פִּירְט זִיךְ אֵיידְל, אִיר גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן, דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער אִיז דִי זַאךְ פוּן זַיין אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן, און מֶען בַּאקוּמְט גָאר שְׂכַר דֶערוּיף, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "בִּשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיְתָה בָּהּ בְּרָחֵל זָכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּהּ שָׁאוּל", רָחֵל אִמֵּנוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז פוּן אִיר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ ווִיבַּאלְד זִי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת, "וּבִשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיָה בּוֹ בְּשָׁאוּל זָכָה וְיָצְאת מִמֶּנּוּ אֶסְתֵּר", און שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען - דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת - אַז פוּן אִים אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה; און דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "הַצְּנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס בַּיי זֵיי גֵייט מֶען שְׁוַוארְץ, נָאכְדֶעם אִיז דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס בַּיי זֵיי גֵייט מֶען יָא מִיט קָאלִירְן, בֵּיידֶע זֶענֶען רִיכְטִיג, און אַז בַּיי אַייךְ גֵייט מֶען מִיט קָאלִירְטֶע קְלֵיידֶער - קֶענְט אִיר וַוייטֶער גֵיין מִיט קָאלִירְטֶע קְלֵיידֶער, דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין אֵיידֶעלֶע קָאלִירְן, און בַּאשֵׁיידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיר טוּט זִיךְ אָן אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ו), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פּוֹרִיָּה", וֶוען אִיז אַ פְרוֹי וִוי אַ וַויינְשְׁטָאק, וֶוען אִיז אַ פְרוֹי זוֹכֶה צוּ זַיין "כְּגֶפֶן פּוֹרִיָּה", אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער? וֶוען זִי אִיז "בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ", וֶוען זִי פִּירְט זִיךְ אֵיידְל און גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; דֶעמָאלְט וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה פוּן "בָּנֶיךָ כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים", זִי וֶועט אוֹיפְשְׁטֶעלְן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֶעזַאלְבְּט וֶוערְן מִיטְן שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען אִיךְ נָאךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער צוּ דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק, אִיךְ ווִיל אָבֶּער בֶּעטְן סְפֶּעצִיעֶל חִיזוּק פַאר מִיר.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, אִיךְ דַארְף ווִיכְטִיג הִילְף. דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ פַאל אַסַאךְ אַרָאפּ אִינֶעם אִינְטֶערְנֶעט, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר נָאכְאַמָאל אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַאלְן מֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאג אִיךְ ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אַ פַאלְשֶׁער מֶענְטְשׁ, מֶען קוּקְט מִיךְ אָן ווִי אַ חָשׁוּבְ'עֶר בָּחוּר, ווִי אַ מְצוּיָן, אִין דִי צַייט ווָאס אִיךְ אַלֵיין ווֵייס אָבֶּער דֶעם אֱמֶת, פוּן אִינֶעווֵייניג בִּין אִיךְ דוּרְכְגֶעפוֹילְט, ווִי לַאנְג נָאךְ ווֶעל אִיךְ זִיךְ מוּטְשֶׁען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן?

ווָאס קֶען שׁוֹין ווֶערְן פוּן מִיר, נָאכְדֶעם ווָאס אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן? עֶס רִינֶען טְרֶערְן פוּן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אִין כַּף הַקֶּלַע, מֶען ווַארְפְט מִיר פוּן אֵיין עֶק ווֶעלְט צוּם אַנְדֶערְן, אֵיין מִינוּט ווִיל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג אוּן דִי אַנְדֶערֶע מִינוּט בִּין אִיךְ פוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע, אִיךְ פַאל אִין טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק בִּיז אַהֶער, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווֶעט מִיר עֶנְטְפֶערְן אוּן מְחַזֵק זַיין אוֹיף ווַייטֶער, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אוֹיךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, הֵייבּ אָן פוּן אָנְהֵייבּ אוּן זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בִּיז דוּ בִּיסְט מְסַיֵּים שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶע דַיינֶע טֶעג. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה", אִיךְ גְלִיסְט זֵייעֶר אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן זָאלְן טוּן לְמַעֲשֶׂה אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כַּךְ וְכַךְ בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבוֹר וְכַיּוֹצֵא", אַז אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ סֵדֶר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַ בַּאשְׁטִימְטְקֵייט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי עֵצָה אַז אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען כַּךְ וְכַךְ קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בְּלָאטֶע, פוּן דִי טוּמְאָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט דִי לִימוּד פוּן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַז דֶער וָואס וֶועט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנָיוֹת - אִים מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר וֶועט אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, הַאלְט אָן דָאס זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אוּן אַז דוּ זֶעסְט ווִי דוּ פַאלְסְט צוּרִיק, דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דוּ בִּיסְט אִין כַּף הַקֶּלַע, אֵיין מִינוּט ווִילְסְטוּ זַיין גוּט אוּן דִי צְוֵוייטֶע מִינוּט פַאלְסְטוּ אִין דִי טוּמְאָה, אִין דִי בְּלָאטֶע - זָאלְסְטוּ אָבֶער גְלֵייבְּן אִין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, אַז: "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ,

יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זוּכְן אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ גֵיין אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ אִים, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן ווִי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער עִיקָּר תְּשׁוּבָה אִיז וִידּוּי דְבָרִים, דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן אִים זָאגְן אַז מֶען הָאט חֲרָטָה, מֶען ווִיל נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן. דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א), וֶוען מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל מֶען זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן - דָאס אִיז וִידּוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, בְּלַייבּ שְׁטַארְק, קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט ווִי מֶען וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, וַוייל תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּן אָן אַ שִׁיעוּר עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק, עֶר זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן", דֶעמָאלְט אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל; וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ ווִילְסְט פַארְעֶכְטְן דַיינֶע מַעֲשִׂים, דוּ ווִילְסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## הֵיילִיגְקֵייט פוּן מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד יוֹאֵל מְנַחֵם גֶּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר**

דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג וִויפִיל הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ וּמְחַזֵּק מִיט דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דִי בְּרִיוו בְּלָאזְט אַרַיין אִין זֵיי חִיזוּק, אוּן עֶס וַוייזְט זֵיי דִי וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

דִי וָואךְ וִויל אִיךְ מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה, מִיר מוּזְן אַרוֹיסְגֶעבְּן סְפָרִים פַאר דִי יוּגְנְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, וַוייל וִוי מֶער יִרְאַת שָׁמַיִם מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי יוּגְנְט, אַלְס גְרִינְגֶער וֶועט זַיין פַאר זֵיי שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל דִיר מָאלְן אַ בִּילְד וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁטֵייט נֶעבְּן אַ מִקְוֶה, מִיט אַ הַאנְטוּךְ אוֹיף דִי פְּלֵייצֶע, אוּן מִיט דִי הֶענְט אִיז עֶר מַסְבִּיר אוּן עֶר גֶעבְּט עֶפֶּעס צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר נָאךְ צְוֵויי דְרַיי תַּלְמִידִים וָואס שְׁטֵייעֶן נֶעבְּן אִים.

״מֶען דַארְף זֶען עֶפֶּעס צוּ טוּן, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן אַז רֶבִּי נָתָן זָאל גֵיין זִיךְ טוֹבֵלְ׳ן יֶעצְט ווִינְטֶער אִין דִי אַיְיזִיגֶע טַייךְ, סְפֶּעצִיעֶל דִי יָאר, שְׁנַת תָּרָ״ה, וָואס עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְרָאסְט אִין אוּקְרֵיינֶע, עֶס אִיז שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא קַאלְטֶע ווִינְטֶער, אוּן אוּנְזֶער

רֶבִּי רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין נִישְׁט קֵיין אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז פִּינְף אוּן זֶעכְצִיג יָאר, אוּן עֶר פְּלַאנְט צוּ גֵיין שַׁבָּת צוּפְרִי זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין טַייךְ".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, גֶעוֶוען אִיז דִי מַעֲשֶׂה צְוֵויי וָואכְן אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נַייעֶס אַז דִי דַאךְ פוּן דִי מִקְוֶה אִיז אַיינְגֶעפַאלְן, פְּרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב גֶעשְׁמוּעֶסְט: "וָואס וֶועט מֶען טוּן מָארְגְן, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי? מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען נִיצְן דִי מִקְוֶה", אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז עֶר גֵייט נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוֹיף זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה, עֶר אִיז גְרֵייט אֲפִילוּ צוּ גֵיין אִין דִי אַיינְצִיגֶע טַייךְ.

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַז דִי דַאךְ אִיז אַיינְגֶעפַאלְן נָאר אִין דִי פָאדֶערְשְׁטֶע צִימֶער, אוּן מֶען קֶען יָא נִיצְן דִי וַוארֶעמֶע מִקְוֶה. דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשְׁן הָאט זִיךְ פַארְזִינְדִיגְט מִיט דִי בִּיטֶערְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיב וֶועט עֶר גֵיין אִין מִקְוֶה וֶועט עֶר הָאבְן אַ תִּקְוָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן זֵייעֶר אֵיידְל; אִין מִקְוֶה רֶעדְט מֶען נִישְׁט, אוּן אִין מִקְוֶה קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, מֶען דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ דִי וַואנְט, אוּן אַזוֹי טוּט מֶען זִיךְ אוֹיס אוּן אַזוֹי טוּט מֶען זִיךְ אָן.

אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן טַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ וּמַה יָּפָה יְרוּשָּׁתֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס גֵייט פַאר אוּנְז אוּן בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

...

## יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן מוֹהֲרְנַ"ת זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וַוייל אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר זִיךְ צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעוֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! אוּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת!" מוֹהֲרָא"שׁ פִירְט אוֹיס, מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

הַיינְט נַאכְט קוּמְט מֶען זִיךְ צַאם אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְּרַאוֶוען דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרְנַ"ת, וואוּ אִידְן וואוֹינֶען נָאר אִיז דָא יָארְצַייט סְעוּדוֹת פַאר רֶבִּי נָתָן. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף רֶבִּי נָתָן בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ, דִי רְדִיפוֹת וִוי מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדְפְ'ט עַד חָרְמָה פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, גֶעלֵייגְט אִין תְּפִיסָה, גֶעהַאט צַעַר פוּן דִי קִינְדֶער, רְדִיפוֹת פוּן זַיין טַאטֶע, פוּן זַיין וַוייבּ; מֶען קֶען שְׁרַייבְּן גַאנְצֶע בִּיכֶער פוּן וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אוּן וִוי עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט צוּרִיק טוּן, אוּן דָאךְ אִיז עֶר אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה אוּן מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר דִי וֶועלְט.

מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי אַלֶע יָארְצַייט סְעוּדוֹת צוּ קָאמְפֵּיינֶען פַאר

פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל רֶבִּי נָתָן אַפָּאר שָׁעָה בֶּעפָאר עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער (אוּן דָאס אִיז פַאר אוּנְז אַזוֹי וִוי אַ צַוָואָה פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה): "נוּ, אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלְצְדִינְג", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַז אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, סֶע זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'".

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אַלֶע גַבָּאִים אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אַלֶע שְׁטֶעט וואוּ מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם, מַאכְט חֲבוּרוֹת מְפִיצִים וָואס גֵייעֶן אָפִּיצִיעֶל אִין דִי שׁוּלְן, אִין דִי יְשִׁיבוֹת, כּוֹלְלִים - מִיט דִי גִלְיוֹנוֹת, יֶעדְן טָאג אוּן בְּעִיקָר עֶרֶב שַׁבָּת, שְׁטֶעלְט אַוֶועק גַבָּאִים וָואס זָאלְן אָנְפִירְן דִי גְרוּפֶּעס, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זִיךְ אַיינְטֵיילְן וִוי אַזוֹי מֶען זָאל אַיינְנֶעמֶען נָאךְ אַ גַאס אוּן נָאךְ אַ שְׁטָאט, אַרוֹיסְכַאפְּן נְשָׁמוֹת פוּן דִי קְלִיפּוֹת; וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער יֶעצְט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף בָּחוּרִים, אוּן אוֹיף אִינְגֶעלַייט נִישְׁט וֵוייניגֶער, אוּן מֶען דַארְף זֵיי כַאפְּן בְּעוֹד מוֹעֵד.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעכַאפְּט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְחַזֵּק זַיין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת דָארְט, אוּן אוֹיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מִיר וֶועלְן מַאכְן דִי יָארְצַייט סְעוּדָה הַיינְט נַאכְט, אִינְאֵיינֶעם דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "וְלֹא נָתַן לַמּוֹט רַגְלֵנוּ", אַז וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן וָואלְטְן מִיר זִיךְ אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט, מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "בָּרוּךְ הוּא אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ, וְנָתַן", אוּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן רֶבִּי נָתָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ גוּטֶע קַבָּלָה צוּם גֶעבּוּרְטְסְטָאג?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל פְרֶעגְט:**

הַיינְט אִיז מַיין דְרַייסִיגְסְטֶע גֶעבּוּרְטְסְטָאג בָּרוּךְ הַשֵּׁם, וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דֶעם?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

גְרִיסְן יֶעדְן אֵיינֶעם 'אַ גוּט מָארְגְן'.

...

**גֵיי וָואס מֶער צוּם רִיבְנִיצֶער רֶבִּי'ס צִיוּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר גוּט אוּן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "וָואס דַארְף אַ אִיד טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? נָאר דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען"; מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט טוּן מֶער פוּן דֶעם.

דוּ ווּאוֹינְסְט יֶעצְט אִין מָאנְסִי, וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין וָואס מֶער צוּם רִיבְנִיצֶער רֶבִּי'ס צִיוּן, גֵיי כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ, אוּן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט גֵיין אֵיין מָאל אַ טָאג - אִיז גָאר גוּט, זָאג דָארְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן בֶּעט פַאר דִיר, מַאכְט דָארְט הִתְבּוֹדְדוּת. בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיךְ אוֹיךְ מַזְכִּיר זַיין אִין דַיינֶע תְּפִלּוֹת, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל אוּן מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

## וַוייטֶער מַאכְן צַאמְקוּמֶען פַאר פְּרוֹיעֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל וַוייטֶער מַאכְן צַאמְקוּמֶען פַאר פְּרוֹיעֶן, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיטְן רֶבִּינְ׳ס חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, אוּן אַז עֶס קוּמֶען נָאר אַפָּאר פְּרוֹיעֶן, אוּן אֲפִילוּ נָאר אֵיין פְּרוֹי וֶועט קוּמֶען - זָאל זִי דָאס וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועֶרע טֶעג אוֹיף פְּרוֹיעֶן, מִיט אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער, מִיט בְּרֶעוְגֶען קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאר מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן קָאט מֶען כֹּחַ צוּ טוּן וַוייטֶער דִי אַרְבֶּעט.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן פוּן אַיינְלַאדֶענֶען פְּרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן אֲפִילוּ זִי וֶועט אַז נָאכְן רוּפְן קוּמֶען זֵיי נִישְׁט - זָאל זִי וַוייטֶער רוּפְן, זִי זָאל מִיט חָכְמָה נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן אוֹיף אַנְדֶערֶע אוֹפַנִים, נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן אוֹיף קֵיינֶעם.

אוֹיךְ דוּ זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן גֵיין הֲפָצָה בַּיי עֶנְק אִין שְׁטָאט, זַיי נִישְׁט קֵיין בֵּייזֶער לַמְדָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְוִי צוּ זִיצְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אוּן טְרַאכְטְן נָאר פוּן זִיךְ.

אִיךְ בִּין אוֹיפְן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ פָּאר מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אוּנְז אַלֶע.

...

## פַאדְקֶעסְטְס פוּן מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע עֶפְּפְּס, אַלֶע פַאדְקֶעסְטְס; וַוייל דִי סַכָּנָה פוּן דִי אִינְטֶערְנֶעט אִיז דָאס וָואס אִינְגֶעלַייט הֶערְן זִיךְ צוּ וָואס מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים רֶעדְן דְרָשׁוֹת, אַזוֹיפִיל טְרֵיף

פָּסוּל קוּמְט אַרוֹיס יֶעדֶע רֶגַע, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶעעֶן אוֹיס אַז זֵיי קֶענֶען אוּן וֵוייסְן וָואס זֵיי רֶעדְן, זֵיי זֶעעֶן אוֹיס וִוי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אָבֶּער עֶס אִיז מִינוּת וּכְפִירָה, אוּן נֶעבֶּעךְ טַייעֶרֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִינְגֶעלַייט וֶוערְן אָנְגֶעפִילְט מִיט דִי סַם הַמָּוֶת; גַאנְץ סֵפֶר מִשְׁלֵי אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי סַכָּנָה, וִוי מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז דוּ הָאסְט דִי זַאכְן, אוּן דוּ קוּקְסְט וְכוּ' וְכוּ', דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אוֹיף דַיין פָּנִים, אוּן דָאס זֶע אִיךְ אוֹיף אַלֶע אִינְגֶעלַייט נֶעבֶּעךְ, דִי וָואס קוּקְן דְרָשׁוֹת שֶׁל דֹּפִי (פַּאדְקֶעסְטְס פוּן מִינוּת וּכְפִירָה, דְרָשׁוֹת פוּן חֲקִירוֹת) - זֶעט מֶען אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים...

דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס הֶעכֶערְס, דָאס אִיז נִישְׁט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תט): "יְכוֹלִין לְהַכִּיר בְּהַפָּנִים..." מֶען קֶען זֶען אוֹיפְן פָּנִים פוּן דֶער וָואס קוּקְט נֶעבֶּעךְ אִין סִפְרֵי מִינוּת, אוּן לֶעצְטְנְס אִיז דִיר דַיין פָּנִים צוּרִיק מְסוּדָר, הָאסְט צוּרִיק דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים.

זַיי מְתַקֵּן דָאס אַלֶעס מִיט זָאגְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מִשְׁנָיוֹת אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ; "הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ", דִי לִיכְטִיגֶע תּוֹרָה וֶועט דִיר צוּרִיק לִיכְטִיג מַאכְן אוּן דִיךְ מְתַקֵּן זַיין.

...

### יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַייעֶר אֵיידֶעם ר' ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע נְדָבָה פוּן אַייךְ פַאר אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, אִיךְ וִויל אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם אוּן אוֹיךְ פַאר דִי נְדָבָה וָואס אִיר הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת, מִיט גֶעזוּנְט אוּן מִיט נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, אוּן וָואס אִיר דַארְפְט נָאר זָאלְט אִיר בֶּעטְן פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁמוּעֶסְט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִין אִידִישׁ. בֶּעטְס פוּן אִים פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, מִיט תְּפִלָּה פּוּעֶל'ט מֶען אַלֶעס, תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

...

**גְרוֹיסֶע נַייעֶס, עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט מִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה גֶעוֶועזְן מִיט דִי בְּרִיוו אוּן מִיר דֶערְצֵיילְן דַיינֶע סִיוּמִים, אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי זִיבֶּעצְנְסְטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת אוּן אַז דוּ הֶערְסְט מֶער נִישְׁט קֵיין נַייעֶס, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, דַיין גַאנְצֶע נַייעֶס אִיז דִי הַאט-לַיין 'קוֹל בְּרֶסְלֶב', אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן דָאס אִיז דִי תַּכְלִית; אִים צוּ דִינֶען אוּן נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט נָאר דָאס שְׁטֵיין אִין דִי נַייעֶס, דִי גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת - וָואס מִיט דֶעם הֵייבְּט מֶען אָן דִי אַרְטִיקְל - וֶועט שְׁטֵיין מִיט גְרוֹיסֶע קִידוּשׁ לְבָנָה אוֹתִיוֹת אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, אוּן אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן; אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין חִילוּק, וָואס מָשִׁיחַ וֶועט לֶערְנֶען לֶערְן אִיךְ שׁוֹין יֶעצְט, אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מִיר אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה", אוּן אַז בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט זַיין דִי נַייעֶס "אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ" - אִיז יֶעצְט אַזוֹי בַּיים רֶבִּי'ן; דָאס אִיז אוּנְזֶער נַייעֶס, דָאס רֶעדְט מֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר אִים צוּ דִינֶען, נָאר צוּ אִים רֶעדְן, נָאר דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז).

אִיךְ בִּין אוֹיפְן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אוּנְז אַלֶע.

...

**דִי בַּאבֶּע פָארְקָאשׁ עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳

עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַן אֵיינִיקְל בַּיי מִיר, בַּיי מַיין אֵיידֶעם נְתַנְאֵל פָּארְקָאשׁ. שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, מֶען הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן פַארְן קִינְד רֵייזְל, נָאךְ אַייעֶר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם.

בַּיי דִי קִידוּשׁ הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן אַייעֶר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, ווִי זִי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין אִיר לֶעבְּן, אוּן פוּן אִיר חָכְמַת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ; זִי אִיז גֶעוֶוען אַ מַאמֶע פַאר עֶנְק, אוֹיךְ אַ מַאמֶע פַאר אַלֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן אַ מַאמֶע פַאר אַסַאךְ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִי הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטוּן חֶסֶד, אִיר טִיר אִיז גֶעוֶוען אָפְן פַאר חֶסֶד, אַלְץ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אֲפִילוּ אִיר לֶעבְּן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג, זִי הָאט אַסַאךְ מִיטְגֶעמַאכְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאךְ אִיז זִי גֶעוֶוען פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט אֱמוּנָה, אוּן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מַיין אֵיינִיקְל טְרָאגְט אַזַא נָאמֶען.

אוֹיבּ אִיר קֶענְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַייעֶר חָשׁוּבְ׳עֶ טַאטֶע ר׳ אַבְרָהָם חַיִים אַ ״מַזָל טוֹב״, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, אוֹיךְ מַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעוָואלְט רוּפְן ווּאוּנְטְשְׁן אַ מַזָל טוֹב, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין טֶעלֶעפָאן; אִיז אוֹיבּ אִיר קֶענְט אִים זָאגְן אַז אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אִים אַ מַזָל טוֹב מִיט אַ בְּרָכָה עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה. אִיךְ הָאבּ אַייךְ שֵׁיינֶע זַאכְן צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מוֹהֲרַ״אשׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוֹיף אַייעֶר טַאטֶע, אִין אַ צְוֵייטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט מִיט אוֹיפְצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזוֹי מַאכְט אִיר אַ נַחַת רוּחַ פַאר אַייעֶר מַאמֶע אִין גַּן עֵדֶן.

...

## אַרוֹיסְפָארְן פַארְטֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, אֶפְשַׁר קֶענְסְטוּ מַאכְן אַ חֶבְרַת מְפִיצִים וָואס פָארְן אַרוֹיס פוּן שְׁטֶעטְל בְּחַבְרוּתָא קַיין מָאנְסִי אוּן צוּ אַנְדֶערֶע גֶעגֶנְטֶער וואוּ אִידְן וואוֹינֶען - פַארְטֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע זֶעקְס וָואכְן, אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבְבִי"ם וֶוען מֶען קֶען מְתַקֵּן זַיין חֲטָאִים וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז דָאס שְׁוֶוער. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל (שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, תִּיקּוּן כז), הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז אִין דִי זֶעקְס וָואכְן פוּן שׁוֹבְבִי"ם, אוּן אִין אַן אִיבֶּער-יָאר אִיז דָאס אַכְט וָואכְן - קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן דֶעם חֵטְא פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע סָארְט פְּגָמֵי הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, נִדָּה רַחֲמָנָא לִצְלָן, נַשְׁגַ"ז רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל מְתַקֵּן זַיין דִי עֲבֵירָה זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְטוּ צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ אַרוֹיסְפָארְן פוּן שְׁטֶעטְל מִיט אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים אוּן גֵיין אוֹיף דִי שְׁטִיבֶּער, קְלַאפּ אִין דִי הַייזֶער, טֵייל אוֹיס דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס הֵיילְן דִי בַּת מֶלֶךְ, וֶועסְטוּ אַלֵיינְס וֶוערְן גֶעהֵיילְט.

אִיךְ בִּין אוֹיפְן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן אוֹיךְ צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ.

...

## הֶעלְפְן מַיין בְּרוּדֶער?

**אֵיינֶער פְרֶעגְט:**

אִיךְ הָאבּ אַ בְּרוּדֶער וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, עֶס זֶעט אוֹיס אַז עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט קֵיין הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר דֶעם; אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ אַלְס בְּרוּדֶער דַארְף אִיךְ גֵיין רֶעדְן מִיט אִים צוּ טוּן עֶפֶּעס אִין דֶעם עִנְיָן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט אִים:**

זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר אִים.

...

## גֵיין צוּ אַ קוּרְס פַאר שָׁלוֹם בַּיִת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל מָאנְרָא**

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע צוּ גֵיין צוּ אַ קוּרְס וָואס לֶערְנְט אוֹיס שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳.

לְדַעְתִּי, נָאכְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי׳ן, הָאט קֵיינֶער נִישְׁט וָואס צוּ מוֹסִיף זַיין; נָאכְן מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי׳ן וִוי צוּ לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ אָן חוּמְרוֹת אוּן אָן פְּרִישׁוּת, נָאר מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; אִיז וָואס קֶענְסְטוּ מֶער בַּאקוּמֶען?

לִיבֶּער ..., דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט מִיךְ טוֹעֵם גֶעוֶוען, קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן"; אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי׳ן, אִיז וָואס נָאךְ קֶענְסְטוּ הֶערְן? דַארְפְסְט נָאר אָנְהֵייבְּן צוּ נִיצְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת. נֶעם דַיין קַאר אוּן וֶוען דוּ פָּארְקְסְט אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ פַארְמַאכְן דִי פֶענְסְטֶערְס אוּן שְׁרֵייעֶן קוֹלֵי קוֹלוֹת: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ זִינְק אִין בְּלָאטֶע, אִיךְ טוּ וֵויי מַיין נְשָׁמָה, אִיךְ טוּ וֵויי דִי שְׁכִינָה"; אִין דִי קַאר קֶען מֶען אַזוֹי גוּט שְׁרֵייעֶן, מֶען קֶען זִיךְ אַזוֹי גוּט אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן, אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל הֶערְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי פְלִיגֶער וַוארְפְּט זִיךְ שְׁרֶעקְלִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ וַוייטֶער צוּ שְׁרַייבְּן.

...

## בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קְרִיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

מִיר דַארְפְן הָאבְּן מֶער שַׁיְיכוּת, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שַׁיְיכוּת בִּיסְטוּ גֶעוֶוען מֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס אִין פְּלַאץ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אִיז מַצְלִיחַ.

בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם צַדִיק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, אוֹת צַדִּיק חֵלֶק א, סִימָן קצו): "הִתְקַשְּׁרוּת לַצַּדִּיק הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אַז מֶען בִּינְדְט זִיךְ צוּ צוּם צַדִיק אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע רְפוּאָה; מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, עֶס פַאלְן אַוֶועק אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת.

הֵייבּ צוּרִיק אָן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, רוּף אַרַיין דִי הַאטְלַיין קוֹל בְּרֶסְלֶב אוּן הֶער דִי לִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה שִׁיעוּרִים, דִי זִיסֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי׳ן, אַלֶעס וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען, דוּ וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶועט פְרֵיילִיךְ וֶוערְן.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְן פְלִיגֶער הֶעכֶער דִי וָואלְקֶענֶעס, אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אוּנְז.

קוּם אַרַיין פוּן צַייט צוּ צַייט רֶעדְן, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, נָאר זִיךְ זֶען - וֶועט דִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְלֶעבְּן.

...

## נִישְׁט זִיךְ פַּארְטִיפְן אִין לֶערְנֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַּארְטִיפְן אִין לֶערְנֶען, זִינְג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זְמִירוֹת שַׁבָּת, אוּן אַז דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען פַּארְשְׁפִּילְט מִיט זֵייעֶרֶע שְׁפִּילְצֵייג - זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ, דֶערְצֵייל אִיר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִי פַּרְשָׁה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן מֶדְרָשִׁים, אוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט בַּיי דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, אָבֶּער פַּארְטִיף זִיךְ נִישְׁט אִין לֶערְנֶען.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט לֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל פוּן סֵפֶר הַקָדוֹשׁ נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ; דָאס קֶענְסְטוּ טוּן, אָבֶּער נִישְׁט מֶער פוּן דֶעם.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּן אַן אָדָם גָּדוֹל וָואס הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט חֲרָטָה פַארן לֶערְנֶען בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, עֶר וָואלְט זִיךְ וֶוען גֶעדַארְפְט מֶער אַרָאפְּלָאזְן צוּ זַיין מִשְׁפָּחָה, צוּ דִי קִינְדֶער.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, לוֹיט ווִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ קֶען מֶען פוּן אַלֶע שְׁמוּעֶסְן, נַייעֶס, וֶועלְטְלִיכֶע נַייעֶס - מַאכְן כֵּלִים צוּ מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ אַלֶעס מְקַשֵּׁר זַיין מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיטְן צַדִּיק.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְן פְלִיגֶער, אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אוּנְז אַלֶע.

...

## שְׁלָאג נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלָאג נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ דִי קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן, בִּפְרַט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ טָאר מֶען נִישְׁט זַיין בְּכַעַס. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן מח) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת לה, ג): "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת",

מֶען זָאל נִישְׁט אָנְצִינְדְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דֶעם אֵשׁ הַכַּעַס; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט כַּעֲסְ'ן שַׁבָּת, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן שַׁבָּת, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין נָאךְ אַ וָואךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט חִינוּךְ הַבָּנִים אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. לֶערְן דִי בְּרִיוו, אוּן וֶוען דוּ זֶעסְט תְּפִלּוֹת - זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## נֶעמֶען יֶעדְן טָאג דִי מֶעדֶעצִין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין, הֱיוֹת מִיר זֶענֶען הַיינְט אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, תִּיקוּן כז) אַז דִי טֶעג זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָל תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִים, רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם זָאגְן יֶעדְן טָאג צְוֵויי מָאל דֶעם יוֹם תְּהִלִים, ווַייל תְּהִלִים אִיז מְסוּגָל פַאר תְּשׁוּבָה.

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג), וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווִילְן

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה; עֶרְשְׁטְנְ׳ס, נִישְׁט אַלְץ הָאט מֶען אַ גֶעפִיל פַּאר תְּשׁוּבָה, צְוֵוייטְנְ׳ס אֲפִילוּ מֶען הָאט דִי גֶעפִיל וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי גֶעפִיל, אוּן אַז מֶען וֵוייסְט שׁוֹין יָא, דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן וֶוען מֶען זֶעט ווִי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צַייט וָואס מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַּאלְן, אָבֶּער דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים, אִיז מֶען זוֹכֶה סַיי צוּ בַּאקוּמֶען דִי גֶעפִיל אוּן ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּטוּן, אוּן אוֹיךְ צוּ הָאבְּן דִי שְׁטַארְקְקֵייט נִישְׁט צוּרִיק צוּ פַּאלְן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט שַׁבָּת אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, טוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף קֵיין גֶעפִיל; אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער אוּן עֶר גֶעבְּט אַ מֶעדֶעצִין מֶען זָאל דָאס נֶעמֶען יֶעדְן טָאג, וֶועט מֶען דָאס טוּן, אָפְּגֶעזֶען אוֹיב מֶען הָאט יָא אַ גֶעפִיל אָדֶער נִישְׁט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט אָדֶער מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, מֶען וֶועט טוּן וָואס דֶער רוֹפֵא זָאגְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז ווִי אַזוֹי מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן טוּן דִי עֵצוֹת, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס גֵייט מֶען הַפָּצָה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ צְוֵוייטְן מֵפִיץ, דוּ טַעֲנָה׳סְט אַז דָאס אִיז דַיין פְּלַאץ צוּ שְׁטֵיין אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן סְפָרִים, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז זַיין פְּלַאץ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן סְפָרִים; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, וֶוען מֶען גֵייט הֲפָצָה דַארְף דִי קָאפּ טְרַאכְטְן נָאר פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

אָךְ און וויי אַז די קָאפּ ליגְט אין גֶעלְט, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן נָאר פון די רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען ווַייט פוּן אִים.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶע׳גֶט, דִי ווַייבּ הָאט אָפְּגֶעלָאזְט די דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, און יֶעצְט גֵייט עֶר אַרִיבֶּער וֵוייטָאג אַז די קִינְדֶער זֶענֶען מִיט די מַאמֶע. עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַסַאךְ צָרוֹת און עַגְמַת נֶפֶשׁ, אָבֶּער די צַעַר און ווֵייטָאג אַז מֶען הָאט קִינְדֶער און מֶען הָאט נִישְׁט מִיט זֵיי שַׁיְיכוּת - דָאס אִיז אַ צַעַר וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; זָאג אִיךְ אִים: "יֶעצְט אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער די שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין און ווֵייטָאג קֶענְסְטוּ פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל כִּבְיָכוֹל די צַעַר פון די שְׁכִינָה וָואס ווַארְט אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער זָאלְן קוּמֶען רֶעדְן מִיט אִיר, די צַעַר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס ווֵיינְט 'אוֹי לָהֶם לַבָּנִים שֶׁגָּלוּ מֵעַל שׁוּלְחַן אֲבִיהֶם'", און דָאס דַארְף זַיין די כַּוָונָה וֶוען מֶען טוּט אִין הַפָּצָה, נָאר צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן צַאמְבְּרֶענְגֶען די צְוֵויי פֵייגְל, נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, פוּן די זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס): "וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צְוֵויי פֵייגִיל. אֵיינֶער אֵיין עֶר און אֵיינֶער אַ זִי, און די פֵייגִיל זֶענֶען נָאר אֵיין פָּאר אוֹיף דֶער וֶועלְט [דָאס מֵיינְט מֶען דֶער אִיד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן], אִיז די זִי פַארְפַּאלִין גִיוָוארִין [נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל], זוּכְט עֶר זִי און זִי זוּכְט אִים. הָאבִּין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לַאנְג גִיזוּכְט. אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. בִּיז זֵיי זֶענֶען פַאר עֶרְט גִיוָוארִין. און זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיפִינֶען אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. זֶענֶען זֵיי גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין. און זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִימַאכְט נֶעסְטִין. דֶער עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט לֶעבִּין אֵיין מְדִינָה פוּן די צְוֵויי מְדִינוֹת. און נִיט רֶעכְט נָאהנְט נָאר וֶועדְלִיג דָאס קוֹל פוּן דֶעם פוֹיגִיל הֵייסְט דָאס נָאהנְט וָוארִין פוּן דֶעם אָרְט ווִי עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט קָאן מֶען שׁוֹין פוּן דָארְט הֶערְין זַיין קוֹל אִין דֶער מְדִינָה. און אַזוֹי זִי הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט לֶעבִּין דֶער אַנְדֶערֶער מְדִינָה. (דְהַיינוּ אוֹיךְ אַזוֹי נִיט רֶעכְט נָאהנְט. נָאר פוּן דָארְט קָאן מֶען שׁוֹין הֶערִין אִיר קוֹל דָארְט) און אַז סֶע קוּמְט די נַאכְט. אַזוֹי הֵייבִּין אָן די פָּאר פֵייגִיל צוּ קְלָאגִין. וָוארִין עֶר קְלָאגְט

אוֹיף אִיר. אוּן זִי קְלָאגְט אוֹיף אִים. קְלָאגִין זֵיי זֵייעֶר מִיט אַ גְרוֹיס קוֹל יְלָלָה. אוּן דָאס אִיז דָאס קוֹל יְלָלָה. וָואס מֶע הֶערְט אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. וָואס מַחְמַת דֶעם קוֹל מוּזִין זֵיי אַלֶע קְלָאגְן דָארְט אוּן קֶענֶען נִיט שְׁלָאפִין. (אַזוֹי הָאט דֶער קְרוּמֶער הַאלְז זֵיי אַלְץ דֶערְצֵיילְט) לוּשְׁמִיר זֵי הָאבִין אִים דָאס נִיט גִיוָואלְט גְלֵייבִין. הָאבִין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִין פִירִין (דְהַיְינוּ צוּ דִי פֵייגִיל) הָאט עֶר גִיזָאגְט יוֹא. אִיךְ קָאן אַייךְ פִירִין אַהִין. לוּשְׁמִיר וִוי קָאנְט אִיר קוּמֶען אַהִין. מַיידוּךְ דָא קָאנְט אִיר נִיט אוֹיס שְׁטֵיין דָאס קוֹל יְלָלָה. אוּן אִיר מוּזְט אַלֶע קְלָאגִין. אַז אִיר וֶועט אַהִין קוּמֶען. וֶועט אִיר זִיךְ שׁוֹין גָאר נִיט קָאנֶען אוֹיסְשְׁטֵיין דָאס קוֹל יְלָלָה"; דָאס דַארְף זַיין דִי כַּוָונָה בַּיי הֲפָצָה, צוּ וַוארְפְן דִי קוֹל פוּן אֵיין פֵייגְל צוּם צְוֵוייטְן, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אִין מֶענְטְשְׁן, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען וַוארְט אוֹיס, וֶוערְט דָאס לֶערְנֶען זִיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען. וִויסְן זָאלְסְטוּ, אִין אָנְהֵייבּ אִיז דָאס לֶערְנֶען אָן טַעַם, אָבֶּער אַז מֶען וַוארְט אוֹיס, מֶען בְּלַייבְּט לֶערְנֶען - וֶוערְט עֶס זִיס, בִּיז מֶען וִויל דָאס מֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז), וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה דַארְף מֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט קֵיין עוֹלָם הַבָּא, מֶען וִויל נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיין.

אוֹיסֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דוּ לֶערְנְסְט אִין כּוֹלֵל זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, לֶערְן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם פוּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פַּרְשָׁה; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה, לֶערְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת

יֶעדְן טָאג, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי בְּלַאט גְמָרָא פוּנֶעם טָאג. קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא הֵייבְּן מִיר אָן מַסֶכֶת מְנָחוֹת; כַאפּ זִיךְ מִיט, לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי יוֹם תְּהִלִים יֶעדְן טָאג.

דַאוֶוענְען אַלֶע דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, לֶעשׁ אוֹיס דִי טֶעלֶעפָאן בַּיים דַאוֶוענֶען, דַאוֶוענְען מִיט אַ סִידוּר אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, דַאוֶוענְען מִיט מִנְיָן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ.

...

## עֶס וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן

בְּעֶזְרַת הֲ׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז דוּ הָאסְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אוּן קְהִילָה; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ שׁוֹין גוּט, דִי וֶוייטָאג אִיז אַוֶועק.

שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן נִיסִים, עֶס וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן אוּן בְּרֵייטֶער וֶוערְן, נָאר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פְּרֶעגְן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, נָאר בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים.

לֶערְן יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג דִי ״יוֹם תְּהִלִים״, דָאס זָאל זַיין בֶּעפָאר אַלֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, וַוייל מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִים אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה.

...

## זיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, הִיט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מַקְרִיב זַיין אַ קָרְבָּן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ ווִינְטְשְׁט אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת פַאְרן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי הָאר, דִי פְרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס בָּזֶה וּבַבָּא, אוּן זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, אוּן אַז דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן אִין שְׁטוּבּ, אוּן צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וִישׁוּעוֹת (זוֹהַר הַקָדוֹשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, דַף קכה:).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּרֵיינִיגְן דִי קְהִלָּה פוּן שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער פוּן אַפָּאר אִינְגֶעלַייט בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִלָּה, אַז אֵיינֶער שְׁרַייבְּט זֵיי מִיט אַ בַּאהַאלְטֶענֶע נוּמֶער צוּ קוּמֶען טוּן עֲבֵירוֹת; אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אֵיינֶער פוּן אִינֶעוֵוייניג, אוֹיבּ יָא דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶע אַבְרֵכִים זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן אִים, בִּיטֶע אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט גֶעוָואר וֶוערְן וֶוער דָאס אִיז, אִיךְ וֶועל נִישְׁט לָאזְן מַיין אַרְבֶּעט, מַיין הָארֶעוַואנְיֶע וָואס אִיךְ אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן רֵיינֶע ד׳ אַמּוֹת - זָאל מִיר צֶעפַאלְן; וַוייל דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה אוּן נִיאוּף וֶוערְט אַלֶעס חָרוּב, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז צוּ רֵיינִיגְן אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת פוּן דִי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט.

אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס): "דֶער מֶלֶךְ דֶער אַכְזָר הָאט בַּיי זֵיי אִיבֶּער גִילָאזְט. דְרַיי כִּתּוֹת קֶענֶעכְט אַז זֵיי זָאלִין

אום גֵיין און זֵיי זָאלִין כַּלְיָא מַאכִין דִי מְדִינָה. וָואִרין זֵיי זֶענֶען אוּם גִיגַאנְגֶען און הָאבִּין גִירֶעט צְווִישְׁן זֵיי נִיבּוּל פֶּה. און זֵיי הָאבִּין אַרַיין גִיבְּרַאכְט נִיבּוּל פֶּה אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. און דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה אִיז בַּיי זֵיי דוּרְךְ דֶעם כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶעם טַעַם אַז אַלֶע טַעֲמִים הָאבִּין אֵיין טַעַם פוּן נְבֵילָה. און אַזוֹי הָאבִּין זֵיי אַרַיין גִיבְּרַאכְט שׁוֹחַד אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין און דוּרְךְ דֶעם אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי מַרְאָה און סֶע אִיז בַּיי זֵיי טוּנְקִיל גִיוָוארִין אִין דִי אוֹיגִין. וָוארִין אַזוֹי שְׁטֵייט כִּי הַשּׁוֹחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים. כְּלוֹמַר שׁוֹחַד מַאכְט בְּלִינְד דִי אוֹיגִין. און אַזוֹי הָאבְּן דִי קֶנֶעכְט אַרַיין גִיבְּרַאכְט נִיאוּף אִין דֶער מְדִינָה. און דוּרְךְ דֶעם אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶער רֵיחַ וָוארִין דוּרְךְ נִיאוּף וֶוערְט כַּלְיָא דֶער רֵיחַ. (און דָאס הָאט עֶס דֶער מֶלֶךְ אַכְזָר אִיבֶּער גִילָאזְט דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט אִין דֶער מְדִינָה. און הָאט זֵיי גִיהֵייסִין אַז זֵיי זָאלִין אוּם גֵיין און זֵיי זָאלִין אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת אִין דֶער מְדִינָה. און דוּרְךְ דֶעם אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארְן דִי מַרְאָה און דֶער טַעַם און דֶער רֵיחַ) בְּכֵן זָאלְט אִיר זֶעהְן פַאר רֶעכְטִין דִי מְדִינָה פוּן דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת. און אִיר זָאלְט נָאךְ זוּכִין נָאךְ דִי מֶענְטְשְׁן (דְהַיְינוּ נָאךְ דִי קְנֶעכְט וָואס זֵיי הָאבִּין עֶס אַרַיין גִיבְּרַאכְט דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת אִין דֶער מְדִינָה) און אִיר זָאלְט זֵיי פַארְטְרַייבִּין. און אַז אִיר וֶועט אַזוֹי טָאן. און אִיר וֶועט אָפְּרֵיינִיקְן דִי מְדִינָה פוּן דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת זָאג אִיךְ אַייךְ. אַז לֹא דַי וָואס סֶע וֶועט בַּיי אַייךְ פַאר רֶעכְט וֶוערְן דֶער טַעַם און דִי מַרְאָה און דֶער רֵיחַ, נָאךְ מֶער. אַפִילוּ דֶער אַגְרָאדְנִיק וָואס עֶר אִיז בַּיי אַייךְ פַארְפַאלִין גִיוָוארְן. וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קָאנֶען אָפְּזוּכִין".

לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז בַּיי אוּנְז, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין הֶערְן פוּן אִינְגֶעלַייט אַז אֵיינֶער שְׁרַייבְּט זֵיי אוֹיבּ זֵיי וִוילְן טוּן עֲבֵירוֹת; אִיךְ וִויל פַארְטְרַייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אָפְּרֵיינִיגְן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דֶעם גַארְדְנֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## תּוֹרָה שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אַז מֶען אִיז אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי״ם מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס, מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן אוֹיךְ דִי עֲבֵירוֹת וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אוּן זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער אַרִיזַ״ל זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, תִּיקוּן כז) אַז דִי טֶעג זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָל תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט): ״שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט (סֵפֶר שְׂפַת הַנַּחַל, תּוֹרָה א): ״וְקַבָּלָה בִּידֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ״, עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ״שֶׁהַחֹק קָבוּעַ הַזֶּה, לִקְבֹּעַ אֶת עַצְמוֹ לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם כַּךְ וְכַךְ״, אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה פוּן זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר, ״שֶׁזֶּה סוֹבֵב עַל חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם״, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט דָאס זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, ״אֲשֶׁר הָאֲמִירָה בְּעָלְמָא מוֹעִילָה מְאֹד מְאֹד״, וָואס אֲפִילוּ נָאר דָאס זָאגְן אִיז אַזוֹי הֵיילִיג אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי בְּלָאטֶע אוּן פוּן דִי

טוּמְאָה, און אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית און עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פון דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהַייט, וֶועט עֶר פון דֶעם אוֹיךְ פָּטוּר וֶוערְן דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה; אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן פַּארְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן 'צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזָא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פון פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר און גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פון תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פון אַלֶעס'"; אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פון פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט הַפָּצָה וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי הֲפָצָה, דָאס אִיז דַיין תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם, קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט זָאגְן נִישְׁט צוּ גֵיין הֲפָצָה, און אַז דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט בֶּעטְן קֵיין רְשׁוּת. רֶעד נִישְׁט פון דֶעם, וָואס פֶּעלְט אוֹיס צוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת וְכוּ'? טוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן, גֵיי הֲפָצָה אָן דֶערְצֵיילְן וְכוּ', און אַזוֹי אוֹיךְ אַז דַיין מִשְׁפָּחָה זָאגְט עֶס פַּאסְט נִישְׁט דוּ זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קֵיין מַחֲלֹקֶת, נָאר זָאג זִיךְ אַלֵיינְס: "טַאקֶע, עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ זַיין פַארְשְׁמִירְט מִיט פְּגָמִים", און טוּ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטוּן, טוּ וָואס מוֹהַרְנַ"ת הָאט גֶעטוּן; פון זֵיי הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעלַאכְט און גֶעשְׁפֶּעט, און וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פון דִי שֶׁפֶּעטֶערְס? גָארְנִישְׁט, און פון דִי צַדִּיקִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ וֶועלְט פון חִיזוּק.

יֶעצְט שׁוֹבָבִי"ם זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה

קכח:): "תָּא חֲזִי", קוּם אוּן זֶע, "כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵייליִגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, נֶעם אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת וָואס זֶענֶען אַזוֹי מְחַיֶּ' כְּלַל יִשְׂרָאֵל. פַּאסְטְן קֶענֶען מִיר נִישְׁט אוּן דֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט מִיר זָאלְן פַּאסְטְן, דֶער רֶבִּי הָאט פַּאר אוּנְז אַנְדֶערֶע סָארְט תִּיקּוּנִים, הֲפָצָה דָאס אִיז מְתַקֵּן דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס דַארְף מְתַקֵּן זַיין דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלַן, זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, וִוי אַז עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, אוּן הֶעלְפְן גֶעבְּן צְדָקָה צוּ קֶענֶען דְרוּקְן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט דִי הַיינְטִיגֶע פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע וֶועלְט, סִידִיס, יוּ עֶס בִּי, וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ אַ סִיוּם מַסֶכֶת זְבָחִים פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא, זֶענֶען מִיר מְסַיֵים מַסֶכֶת זְבָחִים; הַלְוַאי הֵייבְּסְטוּ אוֹיךְ אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוּן עֶס זָאל וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דַיין טָאג אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִילִין, דוּ גֵייסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, וַוייל מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם שְׁלָ״ה הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (סוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין, אוֹת כה): ״לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג דַארְף זַיין אַ חִיוּב פַארְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג״.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ הִיטְן, דִי תּוֹרָה וֶועט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר דִיר. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:), אַז דִי טָאכְטֶער פוּן אַחֵר [- דֶער תַּנָא וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַן אַפִּיקוֹרֶס] אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ אוּן זִי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: ״רֶבִּי, פַּרְנְסֵנִי״, רֶבִּי גֶעבְּט מִיר עֶפֶּעס עֶסְן, הָאט רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ אִיר גֶעפְרֶעגְט: וֶועמֶענְ׳ס טָאכְטֶער בִּיסְטוּ? הָאט זִי גֶעענְטְפֶערְט: ״בִּתּוֹ שֶׁל אַחֵר אֲנִי״, אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּן אַחֵר, הָאט רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט מִיט וואוּנְדֶער: ״עֲדַיִן יֵשׁ מִזַרְעוֹ בָּעוֹלָם?״ עֶר הָאט נָאךְ קִינְדֶער דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (אִיּוֹב יח, יט): ״לֹא נִין לוֹ וְלֹא נֶכֶד בְּעַמּוֹ וְאֵין שָׂרִיד בִּמְגוּרָיו״, עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קֵיין קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן דֶעם רָשָׁע! הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: ״זְכֹר לְתוֹרָתוֹ וְאַל תִּזְכֹּר מַעֲשָׂיו״, אִיךְ בֶּעט דֶעם רֶבִּי׳ן זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען זַיינֶע

שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; וֶוען זִי הָאט דָאס אַרוֹיס גֶעזָאגְט אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אַ פֵייעֶר פוּן הִימְל אוּן פַארְבְּרֶענְט דָאס בֶּענְקְל פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר אִים, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ זַייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "וּמַה לַמִּתְגַּנִּין בָּהּ כָּךְ, לַמִּשְׁתַּבְּחִין בָּהּ עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה", מַה דָאךְ וֶוען אַ רָשָׁע לֶערְנְט תּוֹרָה קוּמְט דִי תּוֹרָה אוּן נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אִים, אִיז דָאךְ אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶוען אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶועט זִיךְ זִיכֶער דִי תּוֹרָה אָנְנֶעמֶען פַאר אִים.

בֶּעט דַיין וַוייבּ זִי זָאל אָנְגְרֵייטְן פַאר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, מָאנְטָאג נַאכְט פַּרְשַׁת וָאֵרָא אַ סְעוּדָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, מָאנְטָאג זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶּכֶת זְבָחִים. מַאךְ אַ סִיּוּם פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה; דוּ מִיט דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, בְּרֶעג אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זֶען אַז תּוֹרָה אִיז חָשׁוּב; מֶען רֶעדְט אַלְץ פוּן גֶעלְט אוּן פוּן שֵׁיינֶע קַארְס, יֶעצְט זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן שְׁלֶעפּ אַרַיין דַיינֶע עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא, זֵיי זָאלְן אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת מְנָחוֹת, זָאג זֵיי צוּ עֶפֶּעס פַארְן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

(אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נָאר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער קֶענְסְטוּ אוֹיךְ מְסַיֵּים זַיין, עֶס אִיז אַ גֶעהֶערִיגֶע סִיּוּם, בְּלִי שׁוּם סָפֵק).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת, אוֹיף אִידִישׁ אָדֶער עֶנְגְלִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ'**

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסֶל תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צב), תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֶעקְן פַאר עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן זִיךְ אָנְלַאנֶען אוֹיף אַ שְׁטֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ תְּהִלִּים הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן.

לֵייגְט אוֹיךְ אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִידִישׁ

אָדֶער עֶנְגְלִישׁ, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן און בֶּעטְס אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

...

## אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, דֶערְלֵייגְט מֶען דִי לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּק נִישְׁט קֵיין מָאוִויס, קוּק נִישְׁט קֵיין קְלִיפְּס, סְטֶעטוּס וְכוּ', און אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע נֶעמֶען; אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס מֶען פַארְלִירְט דוּרְךְ קוּקְן דִי זַאכְן, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ב, י): "עֵינָא וְלִבָּא, תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַּחֲטָאָה אִינוּן", דִי אוֹיגְן און הַארְץ זֶענֶען דִי מֶעקְלֶערְס פַארְן יֵצֶר הָרָע; דָאס מַאכְט מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת פַּאלְט מֶען אִין פְּגַם הַבְּרִית, מֶען פַּאלְט אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען בִּיז מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, עֶס וֶוערְט מְקוּיָּם וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת וֶוערְט מֶען מְשׁוּגָע.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, וַוארְף אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים, אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת דֶערְלֵייגְט מֶען דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען פַארְלִירְט דִי מֹחַ, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, אַ שָׁאד אַ שָׁאד אַלֶעס צוּ פַארְלִירְן, מֶען פַארְלִירְט דִי חֵן, מֶען פַארְלִירְט דִי סַבְלָנוּת, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה, שָׁלוֹם בַּיִת, דִי גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען און צוּ דַאוְונֶען, עֶס וֶוערְט אַזוֹי בִּיטֶער בִּיז מֶען זוּכְט עֶפֶּעס זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן, מֶען נֶעמְט שֶׁעדְלִיכֶע סַם, דְרָאגְס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן מַפְקִיר זַיין דִי אוֹיגְן.

אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן בְּרֵייט פַּרְנָסָה, אִינְגֶעלַייט זָאגְן עֵדוּת אַז ווִי נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט גְּדָרִים אוֹיף זֵייעֶרֶע טֶעלֶעפָאוֹנְס וְכוּ' הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ גֶעזֶען יְשׁוּעוֹת, און אַז דוּ וֶועסְט פִילְטֶערְן דַיינֶע כֵּלִים וֶועסְטוּ

זִיכֶער זֶען אַ יְשׁוּעָה אִין דִי פַּרְנָסָה. מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", 'יְשַׂבֵּרוּ' - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׂין: "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ 'יְשַׂבֵּרוּ'", אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן - מֶען קוּקְט נִישְׁט קֵיין עֲבֵירוֹת, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין צַייט.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, עֶס לוֹינְט זָאלְסְט קוּמֶען, אֲפִילוּ מֶען גֵייט רֶעדְן פוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט דִי אַלֶע יָארְן דָאךְ אִיז דָאס וִויכְטִיג, וַוייל אוֹיף צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אוֹיף צוּ אָנְגֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן כְּסֵדֶר חִיזּוּק, אַז נִישְׁט פַאלְט מֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּרֶענְג אַרַיין שַׁבָּת מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן אַז זִי קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט הַאלְטְן קֵיין רוּגְזָה, זַיי אִיר מוֹחֵל אוּן זַיי אִיר מְפַיֵּיס, וַוייל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאבְּן מִיר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי זַאךְ וָואס עֶס וֶוערְט אַלְץ אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט עֶרֶב שַׁבָּת - דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל'דִיגֶע זַאךְ, דָאס אִיז פוּן דִי קְלִיפּוֹת וּמַזִּיקִים וָואס קוּמֶען יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת אוּן מַאכְן אַ קְרִיגֶערֵיי צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זָאגְט (סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ), אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלֹקֶת צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם אוֹיף דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אַז זַאכְן וֶוערְן נִישְׁט גֶעטוּן

און אַז דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט גְרֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳, טְרַייבּ אַרוֹיס דִי קְלִיפּוֹת פוּן שְׁטוּבּ, זֵיי ווִילְן דָאךְ נָאר אֵיין זַאךְ, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, זֵיי צִיטֶערְן פוּן לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ, ווייל וֶוען מַאן און וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ און לֶעבְן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם - דֶעמָאלְט הָאבְן זֵיי נִישְׁט קֵיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וָואס אִיז דִי צַייט פוּן לֶעבְן אִינְאֵיינֶעם.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן שׁוֹבָבִי״ם, און אַנְטְלוֹיף פוּן דִי נֶערְוֶוען זַאכְן פוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# זכות הפצה

זכות בספר הקדוש הזה נתנדב
לעילוי נשמת

הרה"ג ר'

## אליעזר

בן הרה"ח ר'

## אברהם חיים

זצ"ל

נלב"ע י"ט חשוון שנת תשפ"ו לפ"ק

ת. נ. צ. ב. ה